רויטע וועלט 1929, נומ׳ 9

# אינערלעכער און אויסערלעכער געבוי פון מאַרקישעס „ברידער“

## אל. פינקעל

### I

איינע פון די גרעסטע געשעענישן אין אונדזער דיכטונג איז פ. מאַרקישעס פּאָעמע אָדער עפּאָפּיי „ברידער“. גאַנץ ריכטיק האָט ז׳ י. בערסאָן אָנגערופן „אַ ווערק מיט אַ גרויסן פאַרנעם“*. דאָס וואָרט „פאַרנעם“ דאַרף מען דאָ פאַרשטיין ניט בלויז אין קוואַנטיטאַטיוון זין. דאָס איז אַ ווערק פון גרויס וויכטיקייט, אַ ווערק מיט אַ גרויסער פּאָעטישער אַקטועלקייט פאַר דער יידישער ליטעראַטור; אַ ווערק, וואָס אַף אים וועט מען זיך לערנען. פאַר מאַרקישן גופא איז די פּאָעמע דער שפּיץ פון אַן עטאַפּ אין זיין שאַפן, אַ פאָקוס, וואָס אין אים זיינען קאָנצענטרירט אַלע מאַרקישעס פּאָעטישע אייגנשאַפטן.

י. בערסאָן האָט פאַרענדיקט זיין אַרטיקל וועגן דער פּאָעמע מיט די ווערטער: „קעדיי אָפּשאַצן ווי געהעריק איר גרויסן באַדייט, סיי אין פראַט פון פאָרם, סיי אין פראַט פון אינהאַלט, פאָדערט זיך דעריבער מער ווי אַ ביבליאָגראַפיש אַרטיקל, נאָר אַ גרינטלעכע שטודיום“. אַ פרווו פון אַזאַ שטודיום האָט געגעבן בערסאָן אליין אין זיין דערמאָנטן אַרטיקל. עמעס, זיין פרווו איז געווען זייער אַ קורצער, דערצו האָט ער אָנגערירט בלויז איין זייט — די טעמאַטיק. דער ציל פון דעם אַרטיקל איז אָנרירן אַן אַנדער זייט — אַ פאָרמעלע, קאָמפּאָזיציע און סטיל.

### II

ווען מע לייענט „ברידער“, פילט מען די גאַנצקייט, אַז פון דער פּאָעמע ווייעט מיט עפּעס באַקאַנטס, אַז מ׳האָט שוין פריער געלייענט עפּעס זייער נאָענטס, ענלעכס. ווען אָט דער ניט דייטלעכער געפיל פאָרמירט זיך אויס, דערמאָנט זיך, קודעמקאָל, סעלווינסקיס — „Улялаевщина“, סיי אין פערזנמאָס, וואָס איז ברייט און פילפיסיק, סיי אין אַ ריי קלייניקייטן און דעטאַלן - באַשרייבונגען, פאָלקלאָרמאָטיוון, געמיש פון עפּישן און לירישן עלעמענט — פילט זיך אַ באַשטימטער און דירעקטער איינפלוס פון סעלווינסקיס באַרימטער עפּאָפּיי.

אָט זיינען איינִיקע ביישפּילן בײַ סעלווינסקין:

„В точках и тире отдала приказ
из•конной выделить корпус.
Означенный корпус именовать ЧОН
присвоением прав армии.
Все вагоны — цветные, товарные,
груженые тарой, также кирпичом
освободить под ответ продчека
представить фамилии 2-х кандидатов
Посты командарм комиссар ТЧК“
Командующий ЮВгруппы (дата)·

* זע „די רויטע וועלט“ 6 — 5, 1929 י.





„און אַ שרייבמאַשינקע שטעפּט שוין אַ מאַנדאַט:

. . . . . . . . . . . .

דעררדאָזיקער ארויסגעגעבן וואָרט
דעם מאַטראָס טרובאַ טערענטי
מיט דער באַפולמעכטיקונג און אַלע רעכט
אריינפירן אָרדענונג און גערעכטיקייט.

. . . . . . . . . . . . .

עס ווערט געבעטן אַלע אַנשטאַלטן —
מיליטערישע, בירגערלעכע, יאַם - קויכעס פון לאַנד —
באַהעלפן דעם כאַווער טרובאַ טערענטי אין זיינע טאַטן —
קעגן דער קאָנטער - רעוואָליוציע און בורזשואַזע באַנדעס,
רעכט אַף וועלכע געגעבן אים איז
אַף צו פאַרטיליקן און צו באַקעמפן“.

כסימע, שטעמפּל. (ז. 152)

די ענלעכקייט צווישן די ביידע סטיליזאַציעס פונעם אָפיציעלן פּאַפּיר איז אַ צו גרויסע, קעדיי צו מיינען, אַז דאָס איז אַ צופעליקייט.

סעלווינסקי איז ניט דער איינציקער, וועמענס איינפלוס מע קען באַמערקן אין מאַרקישעס פּאָעמע. ס׳פילן זיך נאָך בלאָק און יעסענין. ס׳קומט אָפילע דערצו, אַז מאַרקיש — בעיוידים און בעלוי-יוידים — נוצט אויס אַ פרעמדן מאַטעריאַל. אַזוי, למשל:

„טראַשקין איז אַ אונגרוער אָן אייגענער, אָבער אַ זשיד איז דער לענין“. ז. 132.

דאָס איז אַ דירעקטע האַלוואַע פון באַבעלס „זאַלץ“:

„За жидов... разговора нет. Между прочим за Ленина не скажу,
а что Троцкий отчаянный сын тамбовского губернатора...“

(ציטירט אויסנווייניק, דעריבער קען זיך דאָ טרעפן אַ טעקסטלעכע ניטפּינקטלעכקייט).

די ביידע מינים האַשפּאָעס דאַרף מען דיפערענצירן. נאַטירלעך, דער צווייטער מין — אויסנוצן פרעמדן מאַטעריאַל, אָט ווי דער וויץ וועגן טראָצקין און לענינען — איז צו איינפאַך, עס האָט ניט קיין פּאָזיטיוון ליטעראַרישן באַדייט. דער ערשטער מין האַשפּאָע — באַנוצן זיך מיט פרעמדע דערגרייכונגען פאַר אייגענער ליטעראַטור — האָט גראַר אַ וויכטיקן באַדייט. די ליטעראַטור - אַנטוויקלונג פון יעדער נאַציע נוצט אויס אַזעלכע מיטלען. אַזאַ האַשפּאָע איז אַ פּאָזיטיווער פאַקטער און פירט צו דער באַרייכערונג פון דער ליטעראַטור. אָט ווייסן מיר, אַז די פראַנצויזישע האַסקאַלע - ליטעראַטור פונעם סאָף XVIII יאָרהונדערט האָט געווירקט אַף אַלע וועלט-ליטעראַטורן; גרויס איז געווען בייראָנס האַשפּאָע אַף פּושקינען און לערמאָנטאָוון און אַסאַך אַנדערע, ניט בלויז רוסישע דיכטער. ווען מע רעדט וועגן סעלווינסקיס, בלאָקס ווירקונג אַף מאַרקישן, דאַרף מען עס ניט פאַרשטיין אין אַ נעגאַטיוון זין. אי פאַר מאַרקישען, ווי פאַר אַ פּאָעט, אי פאַר דער יידישער פּאָעזיע ביכלאַל, זיינען אַזעלכע האַשפּאָעס אומפאַרמיידלעך. קעדיי בעסער צו פאַרשטיין די אַנטוויקלונג פון אונדזער מאָדערנער פּאָעזיע, באַזונדער מאַרקישן אין זיין פּאָעמע, — קען מען דעריבער ניט פאַרבייגיין די ווירקונג פון וואָרטקינסטלער באַ אַנדערע נאַציעס און אין אַנדערע שפּראַכן.

### III

דער כילעק צווישן פּאָעזיע און לירישע לידער ליגט ניט אַזוי אין זייער פאַרנעם, — ס׳קען זיין אַ קורצע פּאָעמע און אַ גרויסע ליד, — ווי אין זייער סיוזשעטישקייט. אַ ליד קען זיין סיוזשעטלאָז, ס׳קען אָבער ניט זיין קיין פּאָעמע אָן אַ סיוזשעט. אין אַ פּאָעמע מוז שטענדיק זיין אַ העלד, וואָס טוט עפּעס, אַרום וועמען עס אַנטוויקלט זיך אַ פאַבולע. אָפילע די לירישע אָפּנויגן זיינען שטענדיק צונויפגעבונדן מיט דעם עצעם

דאס זייגען ווערטער פון א באוויסטער פאלקסליד, וואס מארקיש נוצט אויס ווי א רעפרען (א צוזונג) צו עטלעכע סטראפעס. דאס גאנצע קאפיטל איז וועגן מענאכעם-הערש דעם שניידער, און דער צוגאנג איז זייער גוט צוגעפאסט אהער.

דער מאטעריאל — עפיזאדן פון דער רעוואליוציע — דערלויבט מארקישן אויסנוצן ניט בלויז יידישע לידער. אזוי זעען מיר ווי אינעם יידישן טעקסט זייגען ארייגעשטעלט רוסישע לידער אדער טיילן פון זיי. די ווערטער פונעם בודיאני-מארש גיט מארקיש איין מאל אין דער איבערזעצונג:

„בודיאני, אונדזער ברידערל, מיט אונדז ז'די גאנצע וועלט"

ז. 203.

א צווייט מאל ברענגט ער דיזעלבע ווערטער שוין אן א איבערזעצונג:

אי, בודיאן, наш братишка, מיט אונדז איז די וועלט"

ז. 208.

דאס איז ניט דער איינציקער מין אויסנוצונג פון פאלקלאר. אפטמאל טוט מארקיש אזוי: ער נעמט די פאלקסליד און בינד זי איבער מיטן אייגענעם טעקסט. ס'באקומט זיך א גאנצער ריי קאמפליצירטע סטראפעס, וואס זייגען פארבונדן דורכן גרונט-טעקסט (ווייל די סטראפע פון דער פאלקסליד איז איבערגעשניטן אף צווייען). אט זייגען אייניקע ביישפילן:

און ס'גיט זיך אזא זינג מיט בריענדיקער טרייסט,
און ס'גיט זיך אזא בענק — מע ווייסט נאך ניט וואהין —
— „און דו אקערסט און דו זייסט
און דו האמערסט און דו שפינסט!"
ס'איז געדעקט דער דאך מיט שניי,
ס'זייגען ווענט פון שטיבלעך דין, —
— „און דו פיטערסט און דו נייסט,
זאג, מיין פאלק, וואס דו פארדינסט". (ז. 20).

די ערשטע צוויי שורעס, ווי א האקדאמע, געהערן נאך צו די פריערדיקע סטראפעס; דעריבער איז דער ריטם זייערער ניט אזא, ווי פון דער גאנצער ליד. נאר שוין אין דער צווייטער סטראפע איז דער ריטם אויסגעהאלטן איינגאנצן. די גראמען זייגען דיזעלבע אין ביידע סטראפעס, נאר די פארבינדונג פילט זיך דייטלעכער.

פונקט אזוי איז געמאכט נאך איין ליד:

געקאכט האבן זיך יארן אפן פייער,
מיט לידער זיך געבונדן פונעם „בונד":
— „און טרעפט דיך א קויל, מיין געטרייער,
א קויל פונעם מערדער, דעם הונד!"
פארזאמלונגען אף לאנקעס אף פרייע,
א רויטע פראקלאמאציע און די „שוועע";
„נעם איך דיר ארויס פונעם פייער
און היול דיר מיט קושן דיין וווגד".

(ס'ווערט דא געבראכט, ווי א ביישפיל, בלויז דער אנהויב פון די ערטער, בלויז די ערשטע סטראפע פונעם גרונט-ליד מיט איר אנטוויקלונג. בא מארקישן איז דאס דורכגעפירט ביזן סאף).

אנשטאט פארייניקן דעם טעקסט פון פאלקסליד מיטן אייגענעם טעקסט אין איין סטראפע, גיט אמאל מארקיש צו די גאנצע סטראפע צו דער גאנצער גרונט-סטראפע. דאס הענגט אפ דערפון, ווי סטראפיש געבויט איז די גרונט-ליד: דארט, ווו זי איז געבויט לויטן סטאנסען-סיידער (abab), שניידט זי מארקיש דורך; דארט, ווו זי איז געבויט לויטן צווייִשורעדיקן נוסעך, זונדערט דער אווטער אפ מיטן אייגענעם טעקסט איין סטראפע פון דער אנדערער אט אזוי:



פיקן זיך שטערן פון הימל פון הויך —
צעקוועלט שלוימע-בער זיך: — „און דו, טאטע, אויך!

— צוזאמען, צוזאמען, די פאנע איז גרויט,
זי פלאקערט פון פייער, פון בלוט איז זי רויט!"

ציגדן זיך שטערן — טרויעריק שטיל,
פארטויבט שלוימע-בערן דאס קאל פון אזריל:

— „מיר שווערן צו קעמפן פאר פרייהייט און רעכט
מיט אלע טיראנען און זייערע קנעכט!"

א. א"וו. — ז. 23.

אין באזונדערע סטראפעס איז אויסגעטיילט דער צונויפמיש פונעם יידישן טעקסט מיט דער רוסישער ליד — א איבערגאנג, אזוי צו זאגן, צו couleur locale („קוליער ליאקאל" — צו לאקאלן קאלאריט):

מיילער אף דער זייט אין לידער — אידא נו:
Е-дет ё-он да на сером, да на коню!
און די צוימלעך קלינגען, און די צוימלעך פליעסקען:
— А штаны на ё-ом — ликсандричéские
דער אבאו אף פלייצע — און די פיס זיך הענגען:
— А рубашка на ё-ом кумачевенькая!

א א"וו. ז. 105-204.

דאס זייגען בלויז עטלעכע ביישפילן. אינדערעמעסן זייגען זיי אסאך מערער און טרעפן זיך אפטער. דאס איז זייער א טרעפלעך מיטל — אט די אויסנוצונג פונעם פאלקלאר: אין פארבינדונג מיטן אריגינעלן טעקסט גיט דאס א אינטערעסאנטן עפעקט — דעם לייענערס אויפמערקזאמקייט גייט אין צוויי שטראמען מיטאמאל, ווי, לעמאשל, אין א פוגע, ווען עטלעכע מוזיקאלישע טעמעס הערן זיך מיטאמאל. אויך אינעם פסיכאלאגיש-טעמאטישן זין גיט דאסדאזיקע מיטל אסאך: עס מאכט דייטלעכער און שארפערער די כאראקטעריסטיק פון דער צייט, סוויוועאדער פון פערזאנען, אײדער לאנגע באשרייבונגען. אמאל, ווי שוין געזאגט, איז דאס אויך א מיטל פונעם couleur locale. דעריבער, מיסטאמע, געפינען מיר צוזאמען מיטן עכטן פאלקלאר אויך נאכמאכונגען, — סטיליזאציע.

אויב אין דעם פאל איז סטיליזאציע א אייגענע שאפונג אינעם פרעמדן סטיל, דארף מען באשטימען, אין וועלכן סטיל זייגען געמאכט מארקישעס סטיליזאציעס. ווי מיר זעען, איז די סטיליזאציע בא מארקישן א הענושעך פונעם עמעסדיקן פאלקלאר. דערפון איז געדרונגען, אז דער גרונטפראטאטיפ פון סטיליזאציעס זייגען די פאלקסלידער.

מארקיש מאכט זייער גערן נאך די פאלקס-פרימיטיוון. אט, לעמאשל, ליעבערעוס ליד:

אנטעליעריער קאפעטעס,
גרעזעלעך צעגרינטע —
גאט, דו זאלסט מיר אפהיטן
מיינע שאף און רינדער!

סמארארנע קראפעווע,
שעטעלעך די וויג איז;
גאט, דו זאלסט מיך אפהיטן
פון די באלשעוויקעס!

א. אז"וו. ז. 156.

דאָ איז גאַנץ דײַטלעך די האַשפּאָע פֿון די רוסישע לידער. אַגעוו, מאַרקיש אַלײן גיט דאָס צו װיסן מיט אײנפּיר־װערטער: „און ער װיגט די שאָף מיט פּאַסטעכדיקע לידער“,— נאָר די ליד האָט מאַרקיש אַלײן אָנגעשריבן. מיר געפֿינען דאָ אַלע סימאָנים פֿונעם פֿאָלקסשאַפֿונג: אי דער פּערזונריטם, אי די איבערכאַזערונג אין יעדער סטראָפֿע („גאָט, דו זאָלסט מיך אָפּהיטן“), אי אַפֿילע ניט ייִדישע װערטער — „רעזש װוי, מאָי טשאָבאָטי“.

אויב אין דערדאָזיקער ליד פֿילט זיך נאָך די האַשפּאָע פֿונעם פּראָטאָטיפּ, איז שוין אין אַן אַנדער סטיליזאַציע שװערער צו באַשטימען דעם אָפּשטאַם פֿון פּראָטאָטיפּ. מער פֿון אַלץ איז עס אַ „טשאַסטושקע“— נאָר מאַרקישעס איבערמאַכונג איז װײַט אָװעקגעגאַן פֿונעם מוסטער:

ע־ע־עך זשע, ברידער,
ביר און האָניק,
לײַב און לידער
און האַרמאָניק!

שיק זיך, שיק זיך
ביטער מאַזל —
אָט אַ שיקסער,
אָט אַ מאַזעק.

צײַן און ציטער
צאָלן צײַלן —
צאַנקט און ציט זיך
צ׳אַלע צײַלעם.

א. אַז״װ. ז. 136 ־ 133.

euphony

דאָס דערמאַנט, דאַכט זיך, אַ ליד פֿונעם רוסישן דיכטער אַנדריי ביעלי — „Плясовая“. דידאָזיקע ליד איז אויך אַ סטיליזאַציע פֿון די פֿאָלקס „טשאַסטושקעס“ און מאַרקישעס איבערזעצט ליד איז זײער ענלעך צו ביעליס אי לויט איר רײַכער אייפֿאָניע, אי אַפֿילע לויט דעם ריטם און לויט די איבערכאַזערונגען. אָט, צום בײַשפּיל, אײן סטראָפֿע פֿון ביעליס ליד:

Дьякон пляшет,
дьякон, дьякон,
рясой машет,
дьякон, дьякон!

בײַ מאַרקישן טאַנצט אויך דער גאַלעך: „טאַנצט דער גאַלעך שװאַרץ און שװער“. ס׳קען זײַן, אַז דאָס איז בלויז אַ צופֿעליקע צוזאַמענטרעפֿונג. און ביעליס ליד איז אַפֿילע ניט באַקאַנט מאַרקישן.

רוסישע פֿאָלקסלידער זײַנען ניט דער אײנציקער טיפּ פֿון מאַרקישעס סטיליזאַציעס. דער צװײטער טיפּ איז ייִדישער עפּיסטאַליאַר־סטיל (בריװן־סטיל). דעמדאָזיקן פּאָעטישן מיטל — בריװ־פֿאָרם — נוצט אויס מאַרקיש עטלעכע מאָל: — מענאַכעם־הערש שרײַבט אַ בריװ צו זײַן װײַב, אַזריל און שלוימע־בער שרײַבן צו דער מוטער; זי, די מוטער, שרײַבט צו מאַכנאָען — און אַלעמאָל סטיליזירט מאַרקיש די בריװ. בײַ מענאַכעמען זײַנען סטיליזירט בײדע אָרטן — אי דעם מאַנס בריװ, אי דעם װײַבס דערצײלונג:

„לעזיגאָסי, עסטער: כ׳קום דיר טאָן צו װיסן,
דאַנקען גאָט געזונט. די דינסט איז גאָר ניט שװער.
כ׳װאָלט עפּשער זיך אײנגיכן שטעלן אָף קאָמיסיע,
דאָס נעמלעכע פֿון דיר, דאָס נעמלעכע צו הערן!
. . . . . . . . . . . . . . .



איך קום דיר, עסטער, מעלדען, אַז װײַסע װעט מען נעמען שוין,
װײַסינקע מיט ברילן פֿון די פֿײַנע לײַט.
כ׳בין, דאַנקען גאָט, געזונט. מיר שטײען שוין אין פּשעמישל!“

ט׳האָסט דיר, מענאַכעם אַ נײַער גענעראַל דיר!
פּשעמישל און לעמבעריק און איך װײס דאָרט נאָך װאָס?
פֿרעג צומאָל װער דאַרף עס? נאָר געװײן און גװאַלדן,
קינדערלעך־יעסוימים, הונגעריקע, באָרװעסע.

א. אַז״װ. ז. 44 ־ 42.

אין די צװײ לעצטע סטראָפֿעס זײַנען צונויפֿגעבונדן מענאַכעמס בריװ און עסטערס רעפּליקע; מע זעט דאָ דײַטלעך צװײ סטילן — מאַנסבלשן און װײַבערשן.

אָט איז א טײל עסטערס בריװ צו מאַכנאָען.

„פֿאָטערל מאַכנאָ, כ׳װעל בעטן פֿאַר דיר גאָט!
פֿאַר דיר און אויך פֿאַר דײַנע אָרעמע סאָלדאַטן;
דו ביסט דאָך, פֿאָטערל מאַכנאָ, מיטן נאַראָד,
אין שטאָט נישטאָ אַפֿילע װעמען אָנײען אַ לאַטע!

און ס׳שרײַבט איצט, פֿאָטערל מאַכנאָ, אַ בריװ דיר
מענאַכעם־הערש אַלעװ־האַשאָלעמס װײַב — אַ בריװ פֿון טרערן.
איז װער זשע זאָל זיך אָננעמען דאָ אונדזער קריװדע,
אָן אַזרילן און אָן שלוימע־בערן?..“ ז. 99.

דורכלאָזנדיק די אַנדערע בריװ־ און שפּראַך־סטיליזאַציעס, װעלן מיר זיך אָפּשטעלן נאָך אויף אײן בײַשפּיל פֿון שפּראַך־נאָכמאַכונג. די פּױלישע ייִדן אין מאַרקישעס פּאָעמע רעדן מיט זײערער פּױלישן דיאַלעקט:

„ס׳איז ניש אינזער זאַך, ס׳איניש אינזער איסעק,
עפּשער װאָיסן זאָי — װאָס באָלשעװיקעס װילן?
. . . . . . . . . . . . . . . . . .
. . . . . . . . זעקספּונטאָװנע הינער!
הערן זיי נאָר, האַרעלע,— יאַך בין מיט ענק מײטעװ!
מאַכן א פּאַטשאַנטעק זאָי! יאַך לאָז עס נאָר פֿאַר אינען!“ ז. 124.

די דיפֿערענצירונג פֿון די פּערזאָנען לויט זײער שפּראַך אין רײד־מאַניר, די אויסנוצונג פֿון די פֿאָלקסלידער און זײערע קאָמבינאַציעס — דאָס, אַלץ באַװײַזט אונדז מאַרקישן װי אַ קינסטלער, װאָס פֿילט דאָס װאָרט און קאָן עס צופּאַסן, װוּ מע דאַרף.

## VI

די פֿאַרײניקונג פֿון עפּישער דערצײלונג מיט לירישער פֿאָרם ברענגט צו אַ באַזונדערן זשאַנר־באַלאַדע. דער אינהאַלט פֿון דעם טערמין האָט זיך עטלעכע מאָל געענדערט אין משך פֿון יאָרן; לעסאָטע איז ער װײַט אַװעקגעגאַן פֿון זײַן אַמאָליקן פּראָװאַנסאַלישן אָדער ענגלישן פֿאָלקס־פּראָטאָטיפּ; פֿונדעסטװעגן זײַנען די כאַראַקטעריסטישע שטריכן פֿאָרט געבליבן. דאָס איז, ערשטנס, אַ געװיסע פֿאַבולע; צװײטנס, אַ ניט קאָנסעקװענטער אויסלײג פֿון די געשעענישן; דריטנס, אַן אונטערשטרײַכונג פֿון הויך טראַגישע און שאַרפֿע מאָמענטן; פֿערטנס, דורכלאָזונג פֿון דעטאַלן; לעסאָף, האָט די באַלאַדע געװיסע פֿאָרמעלע סימאָנים. די פֿאָרמעלע סימאָנים האָבן זיך שטאַרק געענדערט און מע קען שוין ניט רעדן װעגן קאַנאָניזירטער באַלאַדע־פֿאָרם. פֿונדעסטװעגן קען מען אין ענגלישער, דײַטשער און רוסישער פּאָעזיע באַמערקן, װי אײנע פֿון די באַלאַדע־פֿאָרמעס, א צװײפֿערזיקע און פֿילפֿיסיקע סטראָפֿע. אין אונדזער צײַט, אַפֿן סאָװעטישן באָדן,

האָט אָט די פאָרם ווידער לעבעדיק געמאַכט ב. טיכאָנאָוו, וואָס האָט געשאַפן אַ נייעם זשאַנר פון „רעוואָ־ליוציע־באַלאַדע". אויך טיכאָנאָוו נוצט אויס די אַלטע פאָרם.

אַלע סימאָנים פון באַלאַדע געפינען מיר אין עטלעכע טיילן פון „ברידער", און דאָ פילט זיך דער ריכטיקער קינסטלערישער כוש. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אַף מאַרקישן האָט געווירקט ניט אַזוי די אַלטע באַלאַדע פון וואַלטער־סקאָט, געטע זשוקאָווסקי, ווי די נייע — טיכאָנאָווס און יעסעניגס. דאָס איז אָבער ניט וויכטיק. אַסאַך וויכטיקער איז דאָס, וואָס מאַרקיש קולטיווירט דעם זשאַנר אָפן יידישן גרונט און גיט דערביי גלענצענדיקע מוסטערס.

אָט זיינען עטלעכע ביישפּילן, קעדיי צו באַווייזן מאַרקישעס מייסטערשאַפט אין דעם פּראַט:

„און רייטער פון וויטן, און רייטער פון נאָענט —
איינציקווייז קומען זיי, פאַלן זיי אָן!

האָבן זיי אַלע באַפאַלן די שטאָט.
— ווער איז אין שטאָט? צי ס'איז קיינער נישטאָ?

. . . . . . . . . . . . . . . .

טויט איז די שטאָט — פאַרהאַקט און פאַרטייט,
— זיצט אַטאַמאַן אָפן פערד און ער טייט...

טייט און באַפעלט אַטאַמאַן אָפן פערד:
ברענגען די שטאָטישע שלייפער אַהער!

. . . . . . . . . . . . . . . .

האָט זיך דער שלייפער געזעגנט אינדר'היים —
שטאַלן אַף אקסל און ווינד אַף געוויין.

. . . . . . . . . . . . . . . .

שטיל איז אין הייזער — דערוואָרגן און הענג:
— וואָס זשע, וואָס טוט מען — אַ קינד, אַז סע וויינט?

גאָרניט! וואָס טוט מען? דערשטיקט מען אַ קינד!
וויניקער איינס אינעם אָרעם געזינד.

. . . . . . . . . . . . . . . .

טייט אַטאַמאַן און באַפעלט דאָרט: — מע דאַרף
ברענגען אַ יידן אַף פּרוּוון די שאַרף!

. . . . . . . . . . . . . . . .

בויגט זיך איין שלייפער אַף שלייפשטיין אינדרויען
און שטעקט דאָרט די שווערד זיך אין גאָרגל אַריין..." ז. 78־76.

בלויז פון די ציטירטע שטיקלעך זעט מען, ווי קונציק און קלאַסיש מאַרקיש נוצט אויס דעמדאָזיקן זשאַנר. דער דראַמאַטישער סיוזשעט איז דאָ באַאַרבעט מיט דער גרעסטער עקאָנאָמיע פון די אויסדריק־מיטלען (האַלעווייי וואָלט די גאַנצע פּאָעמע געווען אַזוי) און אין שטרענגער פאָרם, דערצו איז עס אַלץ פאַרבונדן מיט דעם גאַנצן פּאָעמעגאַנג.

אין באַלאַדע־פאָרם זיינען באַאַרבעט נאָך דערציילונגען וועגן מאַטראָסן און סערקעס טויט:

קייעט א פיש אַ מאַטראָסישע הוט, —
שווער איז די שיפלעך צו שווימען אין בלוט.

צעפּראַלעט זיך, כוואַליעס, צערוקט זיך און לאָזט:
שוואַרציאַמיקער פיש האָט נאָך שפּייז זיך געלאָזט!

ס'האָט שוואַרציאַמיקער פיש זיך אַף מאַלצייט געלאָזט:
ערגעץ וואַרפט מען פון באַרזשע — מאַטראָס נאָך מאַטראָס.

א. אַז"וו. ז. 195.



אויך די באַלאַדע איז געמאַכט לויט די שטרענגע קלאָלים פון אָט דעם זשאַנר.

אַביסל אַנדערש איז נאָך איינע אַ באַלאַדע — זי איז מער לירייש און מער, אַזוי צו זאָגן, סימבאָ־ליש. דאָס איז דער אָנהויב פונעם XI קאַפּיטל:

„ברייטער בלייער דניעפּר — געל און זאַמדיק הילט זיך,
שווימען אַף אַף אים יידן, יידן ווי געהילצן...

. . . . . . . . . . . . . . . .

שלאָפן, שלאָפן יידן, אַף כוואַליעס און אַף ברעגן,
ווי אַף שוואַרצע פּליאַזשן — ווייט אַף ווייטע שטרעקן.

— וואָס פאַרשלאָפסט איר, יידן — שוואַרצע טעג און יאָרן,
ס'גייען אוף פאַרנאַכטן, ס'קומען אָפּ קאַיאַרן. ז. 72.

דער פּאָבוליאַרער טייל פון דער באַלאַדע איז דאָ טיפער באַהאַלטן, ווי אין די צוויי פריערדיקע; און דאָ וועגט איבער דער לירישער טייל, די אַסאָציאַטיווע — ניט דער סיוזשעט.

אין דער גאַנצער פּאָעמע געהערן די באַלאַדעס צו די בעסטע ערטער אי לויט זייער פאָרם, אי לויט זייער קינסטלערישן טאָך. זייער פּאָעטישער ווערט איז זייער אַ הויכער אי פאַר מאַרקישעס שאַפן, אי פאַר דער יידישער פּאָעזיע.

## VII

א גרויסע פּאָעמע מיט אַסאַך פאַרשיידענע עפּיזאָדן און געשעענישן, מיט פאַרשיידענע זשאַנרען און אַסטע לירישע אָפּווייכונגען (צייטנווייז קען מען רעדן וועגן עפּישע אָפּווייכונגען), קען ניט זיין אָנגעשריבן אַף אַן איינפאַרביקן ריטמישן אויפן. דאָס וואָלט געווען קינסטלעריש־פאַלש, פון איין זייט, מאָנאָטאָנ־טונע — פון דער אַנדערער. דאָס האָט מאַרקיש פאַרשטאַנען, האָט ער געמאַכט זיין ווערק ריטמיש און סטראָפיש פילטאַכיק.

אין ענגן צוזאַמענהאַנג מיטן אינהאַלט פון באַזונדערע טיילן האָבן מיר פאַרשיידענע ריטמען און פאַרשיידענעם סטראָפע־געבוי. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז קיין שטענדיקע, קאַטעגאָרישע פאַרבינדונג צווישן אינהאַלט און ריטם איז ניטאָ; עס באַמערקט זיך אָבער בא מאַרקישן אַ טענדענץ צו באַנוצן באַזונדערע ריטמען פאַר לירישע טיילן און באַזונדערע פאַר סיוזשעטישע טיילן, דאָס איז אָבער בלויז אַ טענדענץ, אַפט איז דאָ אַ איבערמיש. דאָרט, וווּ ס'ווערן באַנוצט די פאָלקלאָרישע און קאַנאַנישע פאָרמעס, דאָרט, געוויינלעך, האַלט אָן מאַרקיש געגויע ריטמען און סטראָפעס.

די וויכטיקסטע ריטמען און סטראָפעס, וואָס מאַרקיש באַנוצט, זיינען אַזעלכע:

א) די ריכטיקע צווייישורעדיקע זעקספיסיקע כאָרעישע סטראָפע מיטן ווייבלעכן גראַם:

„אויב ס'וועט עמעץ פרעגן, אויב ס'וועט עמעץ בעטן —
איז אַ־דאָ אַ קרעטשמע, און ניט ווייט אַ שטעטל".

די מעטרישע סכעמע באַקומט פאַרשיידענע מאָדעפיקאַציעס און שאַפט פאַרשיידענע ריטמישע גענג. צייטנווייז, אַנשטאָט ווייבלעכן גראַם באַקומט דיזעלבע סטראָפע אַ מענלעכן גראַם:

„קלאַפּט ער: שער און אייזן! לויפט ער — הין און ער:
ווו זיינען די יונגען? אַזריל און שלוימע־בער!"

ווי וואַריאַציעס פון דעמזעלביקן פערזנמאָס זיינען די אַמפיבראַכישע און יאַמבישע ריטמען:

א) א כוישעך, אַ וויוגע, — מע זעט ניט די וועלט,
— פאַרשאָטן די וועגן, פאַרשנייט און פאַרשטעלט!

ב) איז קעסטעלעך סאָלדאַטישע, איז טשייניקלעך און פערד,
און לידער פון די דערפער, און טרערן פון דער ערד.

דיזעלבע מאָס געפינען מיר אין פאַרשיידענע שאַטירונגען קימאַט אין אַלע לירישע טיילן. מאַר ורערציילונגס-טיילן באַנוצט מאַרקיש דעם ברייטן פילטיסיקן יאַמב אויך אין פאַרשיידענע וואַריאַציעס. די גרונט-סכעמע איז אַזעלכע:

„און ס׳ענטפערט שוין פון גאַס אַ פרייליכער גערודער,
דאָס קאָל, דאַכט זיך מעגאַכעמען, קייקלט זיך פון דעכער,
עס גייט דאָרט שלוימע-בער. ער גייט דאָרט פון דער הוטע.
און ער איז מיט אַ קאָפּ פון אַלעמען דאָרט העכער".

לויט דערדאָזיקער סכעמע איז געשריבן דער גרעסטער טייל פון בוך. ניט זעלטן זיינען אָבער בײַ מאַרקישן פאַראַן קאָמפּליצירטע סטראָפעס, לעמאָשל:

„צווישן שטיבלעך פון נויט, צווישן שטיבלעך פון מיסט,
צווישן קרעציקן פעלד מיט בייסאַלמענס באַזייט,
צווישן רויכיקע ווענט, צווישן דערפער געשפּאַנט —
וואַקסט אַ קימען אינדר׳הויך, וואַקסט אינדר׳הויך, ווי אַ בייטש,
און די דונערס ער טרייבט, און די כמאַרעס ער שמיצט,
און ער טייט אַף דער שטאָט, און ער טייט אַפן קאַנט".

די דאַקטילישע זעקסשורעדיקע סטראָפע, וואָס איז געבויט לויטן טיפּ abc, bac, מאָדעפיצירט זיך אויך עטלעכע מאָל אַזוי: abc, abc אָדער abc, acb א. אַז״וו.

ווייטער זיינען פאַראַן אַכטשורעדיקע פירפיסיק-כאָרעישע סטראָפעס מיט ווייטע קרייץ-ריטמען: abcd, cabd אויך אין אַסאַך וואַריאַציעס.

די באַשרייבונג און דער אַנאַליז פון אַלע סטראָפע-מינים און פערזנמאָסן, וואָס מאַרקיש באַנוצט, איז אַ טעמע פאַר אַ ספּעציעלער אַרבעט, עס איז פּאָשעט שווער זיי איבערציילן — אַזאַ רייכקייט און פאַרשיידנאַרטיקייט איז דאָ. צוזאַמען מיט די קלאַסישע און שטרענגע מאָסן נוצט מאַרקיש אויס אויך די פרייע און אינגאַנצן היינטיקע מאָס, צוזאַמען מיט די פאָלקסמאָטיוון. מע קען ניט פאַרשווייגן איין וויכטיקן כעסאָרן: צייטנווייז ווערט מאַרקיש זייער פויל אַף דער אויסגעקליבענער פערזנסיסטעם און אַנשטאָט וויכטיקער מאָס גיט ער אַ איבערגעדרייטע:

„טוט זיך די הויט אָפּ פון ביין און פון לייב:
— „סערקע, דו הערסט?.. סאַראַ ווינט, סאַראַ טרייב!"
. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .
און ס׳וועקט מיטן אָטעם סערקע אים שווער:
— וואָס, שלוימע-בער?!"

אָדער:

„אַף וועמען וואַרט דער צוג? מ׳דאַרף קיינעם ניט באַגלייטן.
געזעגנט זיינען אַלע — טרויעריק-געטרייסטע;
נאָר ס׳פּרייפלט נאָך אַן אַלטיטשקער פון איין וואַגאָן אין צווייטן:
שענקט, אָ, קריסטן ערלעכע, אַף טשענסטאָכאָווער קלויסטער.

אַ פייף — אַ ווייטער פייף
אין נאַכט אריין פאַרשניידט זיך,—
פייערלעך, ווי שטערן, ציטערן און פאַלן,
און ס׳גרייצערט זיך פון ווייטן רויקערדיקע קנוילן.

וועמעס וועג ס׳איז נאָענט, וועמעס וועג ס׳איז וויט:
— אַ גוטע, גוטע נאַכט! אַ גוטע, גוטע רייזע!
פון ליכטיקע, פון גרויסע וואַרשאַווער וואָקזאַלן
אוועקפאָרט איזט אַזריל אין שטעטעלעך פון פוילן".



די מיטלסטע סטראָפע איז אַזוי איבערגעדרייט, אַז עס איז שווער צו דערקענען איר געפּוי. פאַראַן נאָך עטלעכע אַזוינע פאַלן. ס׳איז ניטאָ קיין גרונט צו מיינען, אַז דאָס איז געמאַכט אומישנע, מיט אַ געניער קאַוואָנע; מע קען כּוישער זיין, אַז דאָס איז פּאָשעט ניט קיין אַקוראַטנע אַרבעט. אַ שאָד, מיט אַזעלכע קלייניקייטן פּאַטערט מען אַ שיין ווערק!

וואָס איז אינדערעמעסן בײַ מאַרקישן אויסגעצייכנט — דאָס איז די אייפאָניע, דער קלאַנגענבאַשטאַנד פון זיין פּאָעמע. דאָ זעט מען מאַרקישן, ווי אַ גרויסן מייסטער פונעם פערז; ער קען און ווייסט, ווי אַזוי צו אָרגאַניזירן דאָס וואָרט. ס׳איז איבעריק צו זוכן, וואָס פאַר אַ באַדייט האָט וואָרט-אינסטרומענטירונג — דאָס איז בלויז ווילקלאַנג און ניט מער. די אַלע מעגלעכע מינים פון אייפאָניע * איז גרינג צו געפינען אין די „ברידער". אָט זיינען עטלעכע ביישפּילן:

„שלייפן די שלייפערס מיט שטאָלענס און שטיין,
בלישטשען די שווערדן אַף שטיבעלעך קליינע.

אין אַ ועגעריק צעזעגענעם זיגזאַג...

און לידער פון די דערפער, און טרערן פון דער ערד...

געלע הענט און געלע בערד און נעגל געלע...

אַ באַסעל, אַ באַסאַל און פאַרפאַלן...

ראָזע איז דער ראַנד — די רייף פון האָריזאָנט...

אוי, איר, רויטע ריטער, רייטנדיקע ראָטעס..."

אין די עטלעכע ביישפּילן זעט מען, ווי קינסטלעריש מאַרקיש בויעט די קלאַנגען פון זיינע פערזן. פאַראַן גרויסע טיילן, וואָס זיינען צייטנווייז אַזוי דורכגעלייטערט, ווי, לעמאָשל, ז.ז. 201-204 „די רויטע קאַוואַלעריע". גלענצנדיקער פון אַלץ איז מאַריוסקעס טאַנץ (ז. 133-136), ווו ס׳זיינען דאָ אַזעלכע שורעס.

„ס׳ברענען הערצער,
ברענען קונציק
אָט אַ הערצו,
אָט אַ הינצו.
ציין און ציטער
צאָלן ציילן —
צאַנקט און ציט זיך
צ׳אַלע ציילעם!

די רייכקייט פון אַליטעראַציעס פאַרשטעלט ניט דעם סעמאַנטישן באַדייט פונעם וואָרט, און דאָ איז מאַרקיש ניט אַריבער די גרענעץ, ווו עס ענדיקט זיך מייסטערשאַפט און ס׳הויבט זיך אָן קונצמאַכעריי. דאָס מאָסגעפיל האָט מאַרקישן ניט פאַרלאָזט, דעריבער איז די זייט פון דער פּאָעמע די בעסטע.

## VIII

דאָסזעלבע, וואָס מיט דעם ווילקלאַנג, איז ניט מיטן סעמאַנטיש-עסטעטישן טייל פון די „ברידער" — מיט די טראָפּן און בילדער. געוויס, באַנוצט מאַרקיש בילדער — נאָר ער באַנוצט זיי צופיל. זיינע טראָפּן זיינען רייך און טיף, זיינע פאַרגלייכונגען און עפּיטעטן — גלענצנדיק. ס׳איז פּאָשעט שווער ברענגען ביישפּילן — איינער איז בעסער פונעם אַנדערן, און אַלע זיינען זיי גוט. אָט, לעמאָשל, די שורעס:

„און די וועגן, ווי הענט — שטרעקן ווינד זיך און וויסט"...
„זי איז בלאָוו דאָרט, די ערד, ווי אַ רינד נאַכן שעכט".

* ז. ד. האָפּשטיין און פ. שאַמעס „ליטעראַטורקענטעניש".

„און יאם אין פארצויגן מיט פינצטערן אָוונט,
גלייך ווי אַ שפּיגל מיט קרעפּ בא אַן אָוול״.
אַליין דער בראָניעוויק — אַ שטאָלענע גארמאָני . . .

אַזעלכע פארגלייכונגען קען מען ניט אויסטראַכטן. פאר זיי דארף מען האָבן אַ שארף קינסטלעריש אויג — און אַזאַ אויג איז בא מארקישן פאראַן.

די בילדער.

„און ס׳וויינען אין די טארבעלעך שקאָרינקעלעך ברויט״...
„וואַקסן דאָרט די ביינער, וויאַנען דאָרט די ביינער,
ס׳שמעקן זיי, ווי גראָז, די אומעטיקע בעהיימעס״.
. . . . . . . . . . . . . . . . . . .

„און אויסגעזען האָט ער (דער מאָווער) צווישן קלייטן אַזוי גייוויקי
פונקט, ווי צווישן קרעמער — ראַכמיל זיין באַלעבאָס״.
. . . . . . . . . . . . . . . . . . .

„די אַלטע זייגערס קלינגען דאָרט פארכריפּעט כראָפּיק,
זיי שיטן אַלע שאָען אויסעט אַף אַמאָל ;
עס שלאָפט דער שאבעס אָפן טיש מיט לייכטער צוויי צוקאָפּנס
און טרינקט די כריפּעדיקע זייגער־רייד, ווי ווערטער פון אַ „מאָלע״.

אזוי ווייטער אָן א צאָל און אָן א ברעג. אין אט דעם „אָן א ברעג״ איז אבער מארקישעס שוואכקייט. זיינע בילדער זיינען אויסגעצייכנט, זיינע פּאָעטישע מיטלען מייסטערהאפטע. נאר וואס צו, איז איבעריק. בילד קלעפּט זיך אף בילד, טראָפּ גייט נאך טראָפּ, איינער איז גוט, דער אנדערער — נאך בעסער. ס׳איז אָבער ניטא קיין קויכעס אלעמען זיי איינעמען ; דאס אויג ווערט בלינד פון פילפארביקייט, דער אויער טויב פון פילקלאנג, דער לייענער ווערט פארמאטערט ; בעקיצער, ווי זאגן פראנצויזן, ס׳איז embarres de richesse (צופיל רייכקייט).

אין באנוצונג פון טראָפּן, באמערקט זיך שארפער ווי ווו ניט ס׳איז, אז מארקישן פעלט קינסטלערישע קולטור. ס׳איז ווייניק, דער קינסטלער זאל האבן בלויז טאלאנט — ער דארף נאך האבן א געפיל פון מאָס ; אט דאס געפיל האט אָפּט מארקיש ניט. זיינע בילדער קריכן ארויס פונעם גאנצן פּאָעטישן קערפּער ; אָפּט דאכט זיך, אז מארקיש קאָקעטירט. דער פּאעט דארף קענען געפינען אייגענע נעמען ; מע טאָר אבער ניט פארימען זיך דערמיט און אף יעדער שריט און טריט ארויסווייזן אט די קענטעניש : לויטן געזעץ פון דיאלעקטיק ווערט פון טעזיס אַנטיטעזיס, ווערט בא מארקישן פון א מיילע א כעסאָרן.

ווען מע לייענט „ברידער״, פילט מען די גאנצע צייט, אז דא איז פאראן צופיל ווערטער. מארקיש זשאלעוועט ניט ; ער שיט א וואָרט נאך א וואָרט, א שורע נאך א שורע. ס׳זיינען פאראן אפילע גאנצע קאפיטלעך איבעריקע (שלוימע־בערס קרענק א. אז״וו) ; נאר אויך אין די בעסטע קאפיטלעך קען מען געפינען אט די מארקישעס טעווע — אמפּליפיקאציע (פילווערטערקייט).

אט זיינען אייניקע אביעקטיווע פאקטן, קעדיי מע זאל ניט מיינען, אז דאס איז בלויז א פערזענלעכער איינדרוק.

אין נומ. 2 „די רויטע וועלט״ פאַרן 1927 י. זיינען געדרוקט געוועזן פראָגמענטן פון „ב ר י ד ע ר״ אונטערן נאמען „שלוימע־בער״ אין „קרים״. שפּעטער איז דאס אריין אין דעם XXIX קאפּיטל פון דער פּאעמע.

לאָמיר מאכן א פארגלייך : „שלוימע־בער אין קרים״ איז אנגעשריבן אין 14־שורעדיקע סטראָפעס, אין אזוי גערופענעם האלב־סאָנעט (זיין סכעמע איז : אבאב, גדגד, ההו, זזו). אין די „ברידער״ זיינען אזעלכע סטראָפעס ניטא, און דאָס קאפּיטל כ״ט איז אנגעשריבן אין סטאנסען (די סכעמע : אב אב). ס׳דרינגט דערפון, אז פון די לעצטע ז ע ק ס שורעס פונעם האלב־סאנעט זיינען אצינד געמאכט צוויי פירשורעדיקע סטראָפעס, דאס הייסט, אַ כ ט שורעס. צי האט געבראכט וואס איז ניט נייעס אט די פארגרעסערונג אף $33\frac{1}{3}\%$ ? לאמיר א קוק טאָן, — ס׳איז געווען :





„איינגערעמט אין בערג אין גאלדענע דער יאם איז,
טעג אזוינע כוואַליקע, טעג ווי טעלעגראמעס —
ליינען זיי די ליסע טרוימערישע בערג :
„— זייט וויסן בערג און סטעפּעס, וויינגערטנער און פערשקעס,
צוויי געטרייע זין פארמאָגט מענאַכעם־הערש :
איינער הייסט אַזריל, — דער צווייטער — שלוימע־בער.״

אצינד איז איבערגעמאכט :

„איינגעראַמט אין בערג אין גאלדענע דער יאם איז,
קומען אָן אין האָפן זעגל־טעג פון ערגעץ ;
טעג אזוינע כוואַליקע, טעג ווי טעלעגראמעס,
ליינען זיי — ליסע טרוימערישע בערג :

„— זייט וויסן, זיסע וויינגערטנער, וויינטרויבן און פערשקעס,
זייט וויסן, טיפע יאמען, זייט וויסן, הויכע בערג, —
צוויי געטרייע זין פארמאגט מענאכעם־הערש,
איינער הייסט אַזריל, דער צווייטער — שלוימע־בער״.

וואס איז דער כילעק צווישן דער אלטער און דער נייער רעדאקציע ? עס זיינען צוגעגעבן צוויי שורעס, וואס גיבן קיין שום נייס ניט. צו דעם קורצן און ענערגישן זאץ „טעג אזוינע כוואליקע״, איז צוגעגעבן א לאנגער זאץ „קומען אָן אין האָפן זעגל־טעג פון ערגעץ״, וואס שוואכט אָפּ דעם איינדרוק און גיט נאך א בילד „זעגל־טעג״ ; אין דער צווייטער סטראָפע איז פארגרעסערט די צאל אדרעסאטן מיט זייערע עפּיטעטן : אנשטאט „בערג און סטעפּעס, וויינגערטנער און פערשקעס, איז געווארן „זיסע וויינגערטנער, הויכע בערג״ ; דערצו „טיפע יאמען און וויינטרויבן״. צי איז עס געווען טאקע נויטיק ?

נאך אביישפּיל. — ס׳איז געווען :

„קרימער ברוינע טעג, צעזונטיקט, צעהיצטע,
האָפן רערט צום יאם מיט בושלדיקע קרייסערס :
— דערפער האבן וויינגערטנער, וויינגערטנער מיט נעסטן ;

און אין אזא וויינגארטן צווישן נעכט פארבלאָנקעט
כאָלעמט שלוימע־בערן זיך פלאמען פון פּאָטיאָמקין,
כאלעמט שלוימע־בערן זיך פאָרטן פון אָדעס !״

ס׳איז געמאכט פון דערפון :

קרימער ברוינע טעג, צעזונטיקטע, צעהיצטע.
ברוינע טעג, ווי בוימער. מע האקט זיי און מע טעסעט.
האָפן רערט צום יאם . . . (א. אז״וו . . . ווי פריער)

און אין אזא וויינגארטן, צווישן נעכט פארבלאנקעט,
און אין אזא נאכט — פארוואָרפן אין א נעסט, —
כאלעמט שלוימע־בערן . . . (און ווייטער, ווי פריער).

וואס זעען מיר דאָ ? אין דער ערשטער סטראָפע נאך א פארגלייך צווישן טעג און בוימער — א פארגלייכונג, וואס בלייבט הענגען אינדערלופטן, ווייל ווייטער דארף מען זי ניט האבן, און אין דער צווייטער סטראָפע — אַ איבערכאזערונג פון א שורע.

נאך דייטלעכער זעט מען אָט אָ די שטרעבונג צו פילווערטערקייט אין דעם דריטן סאנעט וועגן קיטאַיעץ : אנשטאָט פערצן שורעס, זיינען געמאכט אכט און צוואנציק, ד. ה., אינצווייען אזוי פיל. ס׳איז בלויז געגעבן דעם כינעזערס ביאגראפיע, נאר דערמיט איז אפּגעצויגן געווארן דעם לייענערס אויפמערקזאם־

קייט פון ריכטיקן פונקט. מע קען פארגרעסערן די צאל ביישפילן, נאר די געבראכטע זיינען שוין גענוג, אויב מע זאל אבעמען, אז די ערשטע רעדאקציע איז געווען ניט א גאר קיין אידעאלע, איז אפילו דע־מאלט די נייע צו פארלענגערט. אף דעם סמאך פון א ריי ביישפילן קען מען קומען צום באשלוס, אז די גאנצע פאעמע איז איבעריק פארגרעסערט אף $^1/_3$.— וואס פאר א שרעקלעכע פארשווענדעריי דאס איז, וואס פאר א גרויסער ווארט־אויסברענגער איז פערעץ מארקיש!

IX

די פאזיטיווע זייטן פון מארקישעס פאעמע זיינען: שפראך־רייכקייט, טרעפלעכע בילדער, גלענצנ־דיקע אויפטוצונג פון פאלקלאריסטישע און קלאסישע פארמעס, פארשיידענע ריטמעס, ווילקלינגעוודיקייט. די נעגאטיווע זייטן: שוואכער סיוזשעט־געבוי, סכעמאטישקייט אין שילדערן כאראקטערן און געשעענישן, פילווערטערקייט און צו גרויסע צאל בילדער. דאס אלץ באווייזט, אז מארקיש איז שטארק אין זיין פאעטישן כוש, נאר איז נאך ווייט פון שליימעס אין קינסטלערישער אויספארמירונג. ער געפינט נייע מיטלען פון ארויסזאגן זיך; ער האט גרויסע דערגרייכונגען אין שאפן באזונדערע עלעמענטן פון פאעזיע, ער איז א גרויסער ליריקער.— גייט ער אבער אריבער צו ברייטע פארמעס, צו דער קאנסטרוירונג פון א פארענדיקט ווערק,— דארטן באהערשט ער זיך ניט, ווייל אים פעלט קענטעניש אין פאעטישער קולטור.

„ברידער“ מיט אלע פעלערן באווייזן, אז מארקיש איז איינער פון אונדזערע גרעסטע דיכטער. דאס פעלן בא אים פון פאעטישער קולטור שטרייכט נאך אבער דייטלעכער אונטער, ווי ווייט דאס איז א שוואכער פונקט פון אונדזער ליטעראטור־קעגנווארט. דאס פעלן פון פאעטישער קולטור פילט זיך בא אנדערע פאעטן נאך מער ווי בא מארקישן. קעגן דעם איז פאראן בלויז איין איינציקע רעפוע— לערנען זיך בא די אנדערע ליטעראטורן און קולטיווירן נייע פארמעס. טיילווייז טוט עס מארקיש. ער קען אבער טאן נאך מערער. ווען ס'איז פיל געגעבן, בא דעם מעג מען אסאך פאדערן. מארקישן איז געגעבן זייער אסאך. דעריבער האבן מיר רעכט צו פארערן, ער זאל געבן ניט בלויז פראגמענטן, ניט בלויז סקיצן, נאר פארענ־דיקטע טארעלאזע ווערק. אסאך זייטן פון די „ברידער“ דערגרייכן עמעסע קלאסישקייט, און ס'ווילט זיך גלויבן, אז מארקיש וועט אויספילן דאס, וואס ער איז בעיעכוילעס און וואס מיר דערווארטן פון אים.





# „פראסטע רייד“, ליטעראַרישע מידעס, דאָס לאַנד „יידיש“

א. וועוויאָרקע

דינסטיק איז פאר מאָנטיק;— א 5־יאָריקער רעפערטואר־פלאן;— ליטקאָמאַנדע און ליטרעכילעס;— וואַרשעווער קאלעגן האָבן ייעש מיט נאָך עפעס: שאָלעם אַש און דער קאָנגרעס פון „פען“־קלוב;— די יידישע ליטעראַטור האָט געפינען איר מיסיע.

פאראן שלימאַזלדיקע דיסקוסיעס. אָנהויבן הויבט זיך עס אָן דערמיט, וואס איינער זאגט: דינסטיק איז פאר מיטוואָך, און דער צווייטער זאגט: מיט־וואך איז נאך דינסטיק. קיין וועזנטלעכע און פרינ־ציפיעלע כעלוקערייעס זיינען נאך דערווייל ניטא. עס גייט בלויז אין א פאָרמולירונג. די דיסקוטאַנטן הויבן אָבער אָן צו באווייזן די ריכטיקייט פון זייערע פאָרמולירונגען. דאָ באווייזט שוין איינער פון זיי טעאָרעטיש, אז דינסטיק איז ביכלאל דער טאג, וואס גייט שטענדיק פאָרויס, אף די פינגער קאן מען דאס באווייזן: אט גייט צוערשט דינסטיק, דערנאך מיטוואך, דערנאך דאָנערשטיק און פרייטיק און שאַבעס און זונטיק און מאָנטיק.

אט אזוי איז ער שוין „טעאָרעטיש און לאָגיש“ געקומען צום אַבסורד. אז דינסטיק איז פאר מאָנטיק.

אזא שלימאַזלדיקע איז די דיסקוסיע וועגן „פראָסטע רייד“, וואס ווערט געפירט צווישן די כאווייריםשיפרעס און י. בראָנשטיין אין „פראָליט“ (נג, 4־6). יערנפאָלס, האט די דיסקוסיע אזא שלי־מאזלדיקן אויסגאנג פארן כ׳ בראָנשטיין.

מיט א יאר צוויי צוריק האט מען אף פארזאמ־לונגען און באגעגענישן אין דער יידסעקציע פון „מאפפ“ גערעדט אָפט וועגן דעם, אז מע דארף פארשטארקן די קאמפאניע פאר קוואליפיקאציע אין דער ליטעראַרישער פראָדוקציע. דער שטאנדפונקט איז געווען אזא: דער לאָזונג פ א ר ש ט ע נ ד־ל ע כ ק ײ ט (וואס, אגעוו גערעדט, איז אין אונד־זער ליטעראטור אויסגעהויבן געווארן דורך דער יידסעקציע „מאפפ“ אין איר זאמלבוך „אָקטיאַבר“) האט פולשטענדיק געזיגט. קיין גרויסע געפאַר פון סיסרעטווירע־ליטעראטור איז ניט פאראן. דער־פאר איז אבער פאראן א געפאר, אז ליטעראטור פון א נידעריקער קוואַליפיקאציע זאָל זיך וועלן צודעקן מיטן שוצמאָנטל פארשטענדלעכקייט. ס'איז דערפאר נויטיק פאדערן מיט מער שטרענגקייט קוואליפיקאָציע. אזעלכע שטימונגען האבן געהערשט אין אונדזערע „מאפפישע“ ליטעראַרישע קרייזן. דאס איז ניט קיין פראגע פון א פרינציפ, מאכמעס עס קאן ניט זיין קיין פרינציפ פון נ י ט־קוואַליפי־צירטער ליטעראטור. דאָ קאן אויך קיין רייד ניט זיין וועגן פ א ר ב ײ ט ן דעם לאָזונג פארשטענד־לעכקייט אף א לאָזונג קוואַליפיקאָציע. פארשטענד־לעכקייט איז א פאָרהאנאָכע און אפילע— ווי כ׳ ליבערינסקי, ווען עס ציטירט סיי שיפרעס, סיי בראָנשטיין, דערקלערט גאנץ ריכטיק— א גרונט־קריטעריע פאר דער ווערטיקייט פון א פראלעטאריש ווערק.

כ. י. בראָנשטיין האט דערמאלט אין מינסקער „אָקטיאבר“ אנגעשריבן אָן ארטיקל וועגן דער פראָגע און... איז ניכשל געווארן אין א ניט־געלונגענער פאָרמולירונג. לויט זיין פארמולירונג איז אויסגעקומען, אז איצטער איז שוין ניט נויטיק אזוי פארשטענדלעכקייט, ווי קוואליפיקאציע. דידא־זיקע ניט־געלונגענע פארמולירונג האט דערמאלט ארויסגערופן א דיסקוסיע. כ׳ בראָנשטיין, וואס האט, לעכאטכילע, ניט שלעכט געמיינט, האט געפונען פאר נויטיק זיין פארמולירונג פארטיידיקן און טעאָ־רעטיש באגרינדן. אין רעזולטאט האבן מיר איצטער